בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת תצוה
יא אדר א'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 20
(72)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר רִאשׁוֹן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.**

## לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וָואס זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ. זַייעֶנְדִיג אִין וַואלְד אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן הָאבְּנְדִיג קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ אִים עֶר זָאל זַיין פַארְטְרִיבְּן וְכוּ'. בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעכַאפְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעוִויזְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ כֵּלִי וָואס אַז מֶען לֵייגְט אִיר אַרוֹיף אוֹיף אַ בְּהֵמָה הֵייבְּט עֶס אָן צוּ שְׁפִּילְן אַ הֶערְלִיכֶע נִיגוּן. דָאס מֵיינְט, עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אִין וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגָה אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן אִין דִי בְּחִינָה פוּן אַ 'בְּהֵמָה', קֶען עֶר אוֹיךְ זִינְגֶען אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר'.

## עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ

דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס הֵייסְט "**דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**", אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין לָאזְן, וַוייל בִּיז הַיינְט פְלֶעגְט מֶען רוּפְן דֶער מְדִינָה "**דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**", אוּן הַיינְט רוּפְט מֶען דָאס שׁוֹין "**דָאס קְלוּגֶער לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת**", הָאט דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער קֶענִיג גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז וֶועט עֶס נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אוּמְצוּקֶערְן צוּם לַאנְד אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען - זָאל וֶוערְן קֶענִיג, צוּלִיבּ דֶעם לָאזְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין דֶער מְדִינָה אוֹיסֶער אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דָאס צוּ טוּן. אַזוֹי וִוי דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר' הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל עֶס קֶענֶען טוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים אַרַיין לָאזְן וַוייל עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען פַאר דֶעם מְדִינָה.

## זֵיי זוּכְן דֶעם צַדִּיק

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט דָא, אַז אַמָאל הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶער מְדִינָה: "**דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**". אַלֶע הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם אַז עֶס אִיז 'אַ קְלוּגֶער מַלְכוּת', דָאס מֵיינְט, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זֶענֶען 'דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד', מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט, מִיר זֶענֶען נַארָנִים. אָבֶּער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט זִיךְ עֶס גֶעגֶעבְּן אַ טוֹישׁ, עֶס אִיז גֶעוָוארְן: "**דָאס קְלוּגֶער לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת**", אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הַאלְטְן קְלוּגֶער, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן דִי חֲכָמִים, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן דִי תּוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. זוּכְן זֵיי יֶעצְט דֶעם צַדִּיק וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּרִיק אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען, מֶען זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיקְל וָואס מֶען קֶען רֶעדְן דֶערְפוּן יֶעדֶע וָואךְ בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועלְן מִיר דָא אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן מֶע הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דִי שָׂרִים אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹ אֵיין מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר וִויל זִיךְ דָס אוּנְטֶער נֶעמֶען עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּ דִי שָׂרִים פוּן דֶער מְדִינָה. הָאבִּין אִים דִי שָׂרִים גִיזָאגְט. דוּ זָאלְסְט וִויסִין. אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קֵיין נַערָנִים נִיט חַס וְשָׁלוֹם. נָאר דֶער מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. עֶר אִיז גִיוֶוען אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר.

וָואס אַקֶעגְן אִים. זֶענֶען מִיר אַלֶע גִיוֶוען נַעֲרָנִים. אִיבֶּער דֶעם פְּלֶעגְט מֶען דִי מְדִינָה צוּ רוּפְן דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם. נָאר אַקֶעגְן אוּנְז אִיז עֶר גָאר קֵיין חָכָם נִיט. אִיבֶּער דֶעם רוּפְט מֶען הַיינְט דִי מְדִינָה פַארְקֶערְט. דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַיירִישֶׁער מַלְכוּת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צַוָואָה גֶלָאזְט אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. זָאל עֶר זַיין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיזָאגְט דֶעם זוּן אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטִין דִי מְלוּכָה. דְהַיְינוּ אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם. וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער חָכָם. וָואס אַקֶעגְן אִים וֶועלִין זֵיי אַלֶע זַיין נַעֲרָנִים. זָאל עֶר וֶוערִין מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע נַעֲרָנִים אַקֶעגְן אִים. בְּכֵן זָאלְסְטוּ ווִיסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ דִי שָׂרִים צוּ אִים גִיזָאגְט).

נָאךְ הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט דִי פְּרוּב וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַ חָכָם. בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז דָא פַארְהַאנְדִין אַ גָארְטִין וָואס סֶע אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן דֶער גָארְטִין אִיז זֵייעֶר אַ וִוילְד חִידוּשׁ. סֶע וַואקְסִין אִין אִים כְּלֵי מַתָּכוֹת (דְהַיְינוּ כֵּלִים פוּן אַייזִין וַוארְג) זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן גִילְדֶענֶע כֵּלִים. אוּן עֶר אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר.

נָאר מֶע קֶען נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם גָארְטִין. וָוארִין אַז אֵיין מֶענְשׁ גֵייט אִין אִים אַרַיין. אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶּף צוּ יָאגִין. אוּן מֶע יָאגְט. אוּן עֶר שְׂרַייט אוּן עֶר וֵייסְט גָאר נִיט אוּן זֶעהְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים אוּן אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ בִּיז מֶע מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם גָארְטִין. בְּכֵן וֶועלִין מִיר זֶעהְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אֵיין חָכָם. אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִים דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט צוּ מֶע שְׁלָאגְט דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶר גֵייט אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. דֶער עִיקָר אִיז מֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר וֵייסְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפִין מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה זֵייעֶר. וָוארִין אַזוֹי הָאבִּין זֵיי דֶערְצֵיילְט מֶענְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען. (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ גִיזָאגְט דִי שָׂרִים צוּ דֶעם אֱמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ).

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים. אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אוֹיפִין. אוּן סֶע קֵיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִיט פַארְהַאנְדִין. וָוארִין מֶע בַּאדַארְף בְּוַדַּאי נִיט קֵיין שׁוֹמְרִים צוּ דֶעם גָארְטִין (וָוארִין סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער אִין אִים נִיט אַרַיין גֵיין כַּנַּ"ל) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ) הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע שְׁטֵייט דָארְט לֶעבִּין דֶעם גָארְטִין אַ מֶענְשׁ. דְהַיְינוּ סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז אִיבֶּער דֶעם מֶענְשְׁן אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶענְשׁ. דָאס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ פַאר כַּמָּה מֵאוֹת שָׁנִים. (פַאר ווִיפִיל הוּנְדֶערְט יָאר) אוּן אִין דִי צַייטִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם. וָוארִין בִּיז דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת. אוּן אַזוֹי נָאךְ אִים אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם.

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אַז סֶע אִיז גָאר גִיוֶוענְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אַז מֶע גֵייט אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן מֶע הֵייבְּט אָן צוּ יָאגִין. בַּאדַארְף מֶען גָאר נִיט צוּ אַנְטְלוֹיפִין נָאר מֶע זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערִין.

## כִּי זֶה כָּל הָאָדָם

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן צַדִּיק, וָואס אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (קֹהֶלֶת יב, יג): "**כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**", דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מֶענְטְשׁ (עַיֵּין בְּרָכוֹת ו:); הָאט דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק, מֶען פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

נָאךְ מֶער אֲפִילוּ אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעווֵייניק אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אַרַיין גֵיין בְּשָׁלוֹם אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. (אַזוֹי הָאט אַלְץ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וַוייל עֶר אִיז גִוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר) הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגִיהוֹיבִּין אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אוּן תֵּיכֶּף ווִי מֶע הָאט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ יָאגְן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס סֶע גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין דֶעם גָארְטְן פוּן דְרוֹיסְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם אוּן סֶע הָאט אִים גָאר נִיט גִישַׁאט וָוארִין אַנְדֶערֶע אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אוּן מֶע הָאט זֵיי אָנְגִיהוֹבִּין צוּ יָאגִין. זֶענֶען זֵיי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין מִיט גְרוֹס בְּהָלָה זֵייעֶר. אוּן זֵיי זֶענֶען גִישְׁלָאגִין גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אוּן דִי שָׂרִים הָאבִּין דָאס גִיזֶעהְן אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְווּנְדֶערְט. וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהֵייסִין (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין) אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעוֵייניק אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן. אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע שָׂרִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

## דֶער גֵיהִנֹּם אַלֵיינְס

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז דֶער גָארְטְן אִיז דִי וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹי הֶערְלִיךְ אוּן שֵׁיין, אָבֶּער וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן, הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ יָאגֶענִישׁ, מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "**דָא אִיז דֶער גֵיהִנֹּם אַלֵיינְס**", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע צָרוֹת וָואס יָאגְן אִים, מֶען יָאגְט אוּן מֶען יָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס יָאגְט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין אַנְדֶערֶע יָאגֶענִישְׁן, אֵיינֶער אִין יָאגֶענִישׁ פוּן 'גֶעלְט', אֵיינֶער אִין יָאגֶענִישׁ פוּן 'כָּבוֹד' אוּן אֵיינֶער אִין יָאגֶענִישׁ פוּן 'תַּאֲווֹת רָעוֹת' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען וֶוערְט צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשְׁלָאגְן.

## דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גוּט לֶעבְּן, אַז מֶען טוּט אֵיין זַאךְ: "מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "**פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ**", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק, גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

## אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אִין אַ לַייכְטֶע שְׁפְּרַאךְ

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ אִין דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי בְּרִיווּ פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אִין אַ לַייכְטֶע שְׁפְּרַאךְ אַז מִיר זָאלְן עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין. אוּן אוֹיךְ דִי בְּרִיווּ פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', וָואס אִיז גֶענוּמֶען פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - אָן קַיין צוּגֶעלֵייגְטֶע חִידוּשִׁים, נָאר מֶער אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז.

## מֶען דַארְף אַרָאפּ גֵיין נָאךְ נִידְרִיגֶער

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר אִין בָּארָא פַּארְק 'פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשע"ה', מוֹהֲרָא"שׁ אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר הָאט גֶעהַאט לוּקִימְיֶ"ע (יֶענֶע מַחֲלָה אִין דִי בְּלוּט) לֹא עָלֵינוּ. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע נָאכְ'ן וֵוילְן אַ שְׁטִיק צַייט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: **"וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט זָאל מֶען אַרַיין גֵיין אִין מַיין דִירָה אִין יַבְנִיאֵל וֶועט מֶען טְרֶעפְן דִי צַוָואָה אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ"**, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט זַיין צַוָואָה אוֹיפְ'ן טִישׁ אֵיידֶער עֶר אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע. בַּיים יֶענֶעם שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט רוֹב צַייט וֶועגְן דִי יְשִׁיבָה; נָאכְ'ן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין צִימֶער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר לַאנְג גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מִיר, אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ דָאס גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי'ן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרָאפּ גֵיין נִידְרִיגֶער, יֶעצְט זֶע אִיךְ ווִי דֶער דוֹר פַּאלְט אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען דַארְף אַרָאפּ גֵיין נָאךְ נִידְרִיגֶער, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט"**, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי יוּגְנְט, פְּרִישֶׁע טֻמְאוֹת; עֶס גֵייט אַזוֹי נִידְרִיג, עֶס הַאלְט בַּיי בְּרִידֶער מִיט שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' וְכוּ', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דָאס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען".

## פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ לֶערְנֶען בַּרְטְנוּרָה?...

מֶענְטְשְׁן אוֹיבֶּער חֲכָמִים פְרֶעגְן: "פַארְוָואס גֵייט עֶטְץ הַפָּצָה מִיט 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', גֵייטְס הַפָּצָה מִיטְ'ן 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן'?" הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ גוּט וָוארְט פוּן הַמֵּפִיץ הַגָּדוֹל רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר, אַז מֶען קֶען דָאךְ פְרֶעגְן דִי זֶעלְבֶּע קַשְׁיָא בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, "פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ לֶערְנֶען בַּרְטְנוּרָה, קֶענְסְט דָאךְ לֶערְנֶען דֶעם מִשְׁנָה אַלֵיינְס"... נָאר אִיךְ לֶערְן דֶעם בַּרְטְנוּרָה וַוייל עֶר אִיז מִיר מַסְבִּיר וָואס שְׁטֵייט אִין דִי מִשְׁנָה, אוּן אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין בַּרְטְנוּרָה נֶעם אִיךְ אַן אַנְדֶערֶער סֵפֶר וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יָא, דָאס טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, דֶער צַדִּיק אִיז מַסְבִּיר וָואס דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים זָאגְן, אוּן אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֵייט דֶער צַדִּיק אַרָאפּ נָאךְ נִידְרִיגֶער כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין.

## יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ רוּחַ סְעָרָה

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעהַאט זַיין וֶועג אוּן דֶער גִּבּוֹר הָאט גֶעהַאט זַיין וֶועג, אָבֶּער וֶוען דִי וֶועלְט אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער רוּחַ סְעָרָה, דַארְף מֶען שׁוֹין זוּכְן אַ נֵייעֶ וֶועג. דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, מִיר הָאבְּן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ רוּחַ סְעָרָה, דַארְפְן מִיר טְרֶעפְן דִי נֵייעֶ וֶועגְן וָואס רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט אָן דִי גַאנְצֶע יָאגֶענִישׁ.

## וָואס זֶענֶען דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת?

אַז עֶס הֵייבְּט אָן יָאגְן, שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת. וָואס זֶענֶען דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת? דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן פַאל אִין לֶעבְּן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט סַיי וֶועם, מִיט מִשְׁפָּחָה, וַוייבּ, קִינְדֶער, גֶעשְׁווִיסְטֶער, אַ מֶענְטְשׁ וַוייסְט נִישְׁט צִי עֶר זָאל יָא טוּן אָדֶער נִישְׁט טוּן, דֶערְמַאן זִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין אַזַא פַאל, דֶערְמַאן זִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין אַזַא פַאל, דִי עֵצָה אִיז 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן.

## אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט

זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאל אִיךְ טוּן, הֶעלְף מִיר"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף שְׁלוֹם בַּיִת"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ"**, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֵלְ'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן מִיר וֶועט מֶען וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד"**; אַז מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן מַאכְט מֶען אָפּ: וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, גֵיי אִיךְ פוּן יֶעצְט זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

## אַזַא מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

'הִתְבּוֹדְדוּת' אִיז דָאךְ אַזַא מַתָּנָה; וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶעבְּן דֶערְמִיט, אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען ווִי

אַזוֹי מֶען הָאט גֶעלֶעבְּט פַּארְדֶעם. אָן הִתְבּוֹדְדוּת וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעיָאגְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם; מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אוֹיסְטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ, צוּ אַ טַאטֶע, צוּ אַ שְׁוֶוער וְכַדוֹמֶה, דֶערְפַאר פַאלְן שְׁטִיקֶער פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוּן בֵּיידֶע לַיידְן, אָבֶער אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם צַדִיק, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט מֶען אָן לֶעבְּן אוּן מֶען קֶען אַדוּרְך גֵיין דֶעם גָארְטְן בְּשָׁלוֹם.

## הֶעלְפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה

אוּן אַז מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ הֶעלְפְּן אַנְדֶערֶע דוּרְךְ גֵיין דֶעם גָארְטְן בְּשָׁלוֹם, מֶען קֶען הֶעלְפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז מֶען זָאגְט זֵיי אִיבֶּער דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

## זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזֶען דֶעם מֶענְטְשׁ

מֶען זֶעט אָבֶער אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי שָׂרִים זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם גָארְטְן, דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיין גֵיין אִינֶעם גָארְטְן וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז עֶס מִיטְ'ן צַדִיק; אִיבֶּעראַל וֵוייסְן מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּי'ן, מֶען גְלֵייבְּט אִין רֶבִּי'ן, גֶעוִויסֶע הָאבְּן אֲפִילוּ אַ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער וִוייַבּאלְד זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט נֶעבְּן רֶבִּי'ן, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט רוּאִיג.

## גַאנְצֶע שְׁטוּבּ לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס לָאזְן אִין דֶער זַייט, נָאר מֶען דַארְף אַרַיין נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין זִיךְ אַלְס חֵלֶק פוּן לֶעבְּן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, הָאט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט יֶענֶעם אִיד זָאגֶענְדִיג: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, נִישְׁט נָאר עֶר פַאר זִיךְ, נָאר זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

## טַאנְצְן אוֹיף צְוֵויי חֲתוּנוֹת

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוּן מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶבִּי'ן. מִיר הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן סְקוּל וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעהַאט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, הָאבְּן עֶטְלִיכֶע עֶלְטֶערֶע אִינְגֶעלַייט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיר גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן, מוּזְטוּ הָאבְּן נָאךְ אַ רֶבִּי, דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען מוֹהֲרָא"שׁ אַלְס דַיין רֶבִּי, אָבֶער דוּ מוּזְט הָאבְּן נָאךְ אַ רֶבִּי וואו דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער צוּם טִישׁ"**, מֶען הָאט גֶעמוּזְט טַאנְצְן אוֹיף צְוֵויי חֲתוּנוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אִינְדֶערְהֵיים צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָבֶער הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ סְקוּל קֶען מֶען רֶעדְן אָפְן פוּן רֶבִּי'ן. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אוּן אִיךְ וואוין אִין בְּרֶסְלֶב, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ ווִיל שְׁטֵיין נֶעבְּן רֶבִּי'ן.

## הָאבּ אִיךְ זִיךְ נֶעכְטְן מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען?

אָבֶער מֶען קֶען שׁוֹין זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, 'הָאבּ אִיךְ זִיךְ נֶעכְטְן מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען?' **'הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַ מִינוּט צְוֵויי זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?'** תְּפִלָּה אִיז אֵיין זַאךְ אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ; תְּפִלָּה אִיז: **"בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר"**, אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ יָאג אוּן אִיךְ יָאג, אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ יָאג, וֶוען וֶועט אִיךְ עֶפֶּעס טוּן פַאר תַּכְלִית?"**

## עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט

אֵיין טָאג דִי וָואךְ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיף גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע יָאר, אִיךְ פְרֶעג אִים וָואס אִיז גֶעשֶׁען, זָאגְט עֶר מִיר עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דְזְשַׁאבּ אוֹיף דִי גַאס הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן יְשִׁיבָה אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט דֶעם שִׁיעוּר וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר דִי בָּחוּרִים פִינְף אַזֵייגֶער, נָאכְ'ן שִׁיעוּר פְרֶעג אִיךְ אִים: **"וָואס הֶערְט זִיךְ?"** זֶע אִיךְ וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט, עֶר זָאגְט מִיר: **"אִיךְ כַאפּ זִיךְ יֶעצְט, אַז שׁוֹין יָארְן יָארְן וָואס אִיךְ בּוֹי אַ בִּיזְנֶעס, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין בִּיזְנֶעס אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער"**, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, וָואס גֵייט פַאר מִיט מִיר? אִיךְ בּוֹי טַאקֶע אַ בִּיזְנֶעס אוּן אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ, אָבֶער אִיךְ דַארְף דָאךְ אָנְהֵייבְּן טוּן עֶפֶּעס פַאר תַּכְלִית! מֶען מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, הֶערְן דֶעם רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים, אוּן דַאן וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט יָאגְן, דוּ וֶועסְט אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דוּ וֶועסְט עֶפֶּענֶען אַ חוּמָשׁ, דוּ וֶועסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דוּ וֶועסְט עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת זָאגְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת.

(הֶמְשֵׁךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ)